בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

כי תצא תשפ"א
גליון 56



**אַייערע קִינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

טַייעֶרע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער! מֶען קֶען קְלָאר זֶען אַז עֶנְקֶערֶע תְּפִלּוֹת הֶעלְפְן. גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין חֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן יֶעדְן טָאג פָארְן אַסַאךְ אִידְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דָאס גִיט אוּנְז כּוֹחוֹת צוּ וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אַז עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלָּה וֶוערְן בִּשְׁלֵמוּת מַלְכוּת שָׁמַיִם, וְכָל הָרִשְׁעָה כְּעָשָׁן תִּכְלֶה כִּי תַּעֲבִיר מֶמְשֶׁלֶת זָדוֹן מִן הָאָרֶץ.

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף תְּשׁוּבָה. עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תּוֹרָה ע"ב) וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לְהִתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם נֶגֶד הַיֵּצֶר הָרַע - זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע" דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶוערְט דֶעמָאלְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וִויל עֶר טוּן עֶפֶּעס אַן עֲבוֹדָה, וַוייל זַיין הַארְץ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערִיבֶּער וִויל עֶר פָארְן צוּם צַדִּיק.

וֶוען עֶר פָארְט שׁוֹין צוּם צַדִּיק וֶועקְט זִיךְ פְּרִישׁ אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרַע (עֶס דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב אוּן בֶּן יָחִיד) אוּן עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער חֵשֶׁק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַארְדֶעם.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, דֶעמָאלְט הֵייבְּט אָן דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר רֵייצְט זִיךְ נָאכְמֶער מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט לֵיידֶער דֶעם גַאנְצְן חֵשֶׁק.

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּנְדֶעם, וֶוער נִישְׁט צוּמִישְׁט, דֶער הֶסְבֵּר פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. בַּיים אָנְהֵייבּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר דֶערְמִיט גֶעהַרְגֶ'עט דֶעם יֵצֶר הָרַע, דֶער ס"מ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס! דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּם צַדִּיק קוּמְט צוּ גֵיין אַ נַייעֶ יֵצֶר הָרַע, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ" - וֶוער עֶס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה פוּן זַיין חָבֵר, הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרַע", דֶערְפַאר דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם נַייעֶם גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרַע.




דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט זֵייעֶר אַ וִוירְכְטִיגֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אִינְגְל דַארְף דָאס וִויסְן. כְּדֵי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מֹחַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען אָדֶער וֶוען אִימֶער, זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן (לֹא יִכְפַּת לֵיהּ) פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער טוּן וָואס עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן טוּן, אוֹיבּ הַאלְט עֶר אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען זָאל עֶר וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען. אוֹיבּ דִי מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען אִינְמִיטְן טָאג, זָאל עֶר טְרַאכְטְן פוּן עִסְקֵי חוֹל, סְתָם גֶעשֶׁעפְטְן אָדֶער רֶעכֶענֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַבִּי זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס ווִילְן צִיעֶן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַלֶעמָאל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען

המשך אויף זייט 4

# דעם רבי'נס משלים

## דֶער שְׁפִּיגְל וַואנְט

עס אִיז אַמָאל גֶעווען אַ קֶענִיג וָואס הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיט אַ הֶערְלִיכֶע פַּאלַאץ. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי בַּאפוֹילְן זֵיי זָאל הֶערְלִיךְ אוֹיסְמָאלְן זַיין פַּאלַאץ, עֶר הָאט צוּטֵיילְט דֶעם פַּאלַאץ אוֹיף צְוֵויי חֲלָקִים.

דֶער קֶענִיג רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי:

אִיךְ ווִיל פוּן דִיר דוּ זָאלְסְט הֶערְלִיךְ שֵׁיין אוֹיסְמָאלְן דֶעם פַּאלַאץ, אָבֶער אַזָאנְס מִיט אַזֶעלְכְטְס, דֶערְנָאךְ רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּם צְווֵייטְן: פוּן דִיר ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט אוֹיסְמָאלְן דֶעם צְווֵייטְן חֵלֶק פַּאלַאץ, אִיךְ ווִיל פוּן דִיר גָאר אַ שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט.

דֶער קֶענִיג הָאט זֵיי בֵּיידֶע בַּאפוֹילְן: אִיךְ ווִיל אַז דִי אַרְבֶּעט זָאל זַיין גְרֵייט אוּן דֶעם טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט אַייךְ פְּרִיעֶר אָפְּגֶעשְׁמוּעסְט.



דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ גֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער זַיין וֶועג.

אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען דֶער קֶענִיג הָאט בַּאפוֹילְן צוּ מַאכְן דֶעם שֵׁיינֶעם וַואנְט, אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ גוּט אָנְגֶעפְּלָאגְט צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם פַאךְ פוּן מָאלְן אוּן קְרִיצְן, בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע גָאר שֵׁיין אוֹיסְגֶעמָאלְן זַיין חֵלֶק וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ מַאכְן, עֶר הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְן גָאר שֵׁיינֶע פֵייגְלֶעךְ מִיט חַיּוֹת אוֹיף עֶפֶּעס אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכְן אוֹפָן.

דֶער צְווֵייטֶער ווִידֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן גֶעמַאכְט פוּנֶעם קֶענִיג'ס בַּאפֶעל אוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִי אַרְבֶּעט.

ווֶען עס אִיז גֶעקוּמֶען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט ווֶען זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט זֵייעֶר אַרְבֶּעט, דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין טַאקֶע גֶעעֶנְדִיגְט זַיין חֵלֶק אַרְבֶּעט מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שֵׁיינֶע מָאלֶערֵייעֶן, דֶער צְווֵייטֶער מֶענְטְשׁ גוּט זִיךְ אַ קוּק אָן! וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט דִי גַאנְצֶע צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּם קֶענִיג'ס בַּאפֶעל!

עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַלֶע סָארְטְן גֶעדַאנְקְן וָואס עֶר קֶען נָאךְ עֶפֶּעס אַרַיינְכַאפְּן אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג, עס אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אִין אַפָּאר טֶעג זִיךְ צוּ לֶערְנֶען צוּ ווֶערְן אַזַא שֵׁיינֶער מֶעלֶער, צוּ זַיין אַזַא קוּנְצְלֶער אוּן אוֹיסְמָאלְן מַיין חֵלֶק וָואס אִיךְ דַארְף מַאכְן, עס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט

וָואס קֶען אִיךְ נָאךְ יֶעצְט טוּן?? הָא, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אַ גֶעוואוּלְדִיגֶע אַיינְפַאל!

אִיךְ גֵיי יֶעצְט אִין מַארְק, דָארְט אִיז דָא אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן אַלֶע סָארְטְן פַּארְבּ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין, אִיךְ קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן.

עֶר קוּמְט אָן אִין מַארְק, אוּן גֵייט גְלַייךְ צוּם גֶעשֶׁעפְט פוּן דִי פַּארְבְּן. עֶנְק פַּארְקוֹיפְן פַּאקִיסְט, שְׁוַוארְצֶע פַּאקִיסְט גֶעבּ מִיר דִי שְׁוַוארְצֶע פַּאקִיסְט. דָא הָאסְטוּ מִיסְטֶער. סְפֶּעסְיוַואל!

אִיךְ גֵיי מַאכְן אַ גוּט שְׁטִיקְל, אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרַיין אִין פַּאלַאץ. אָהָה!! קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, אַ שֵׁיינֶע פַּאלַאץ הָא הָא, בַּאלְד וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶען וָואס מֵיינְט שֵׁיין...

אִיךְ הָאבּ דָא אַ לֵייטֶער מִיט אַ לַאנְגֶע שְׁטֶעקְן, אִיךְ עֶפְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן פְלַאשׁ מִיט דִי שְׁוַוארְצֶע פַּארְבּ, יָא דָאס אִיז טַאקֶע פַּאקִיסְט..

אִיךְ שְׁמִיר אַרוֹיף, אַרוֹיף אַרָאפּ, נָאכְאַמָאל אַרָאפּ אַרוֹיף, אוֹי כְ'הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ שְׁפְּרִיץ אוֹיף מַיין נָאז, אָה דָארְט קְרִיכְט מִיר אַ פְלִיג, אָקֶעי שׁוֹין כִּמְעַט גֶעעֶנְדִיגְט, אַרוֹיף אַרָאפּ, לָאמִיר נָאכְאַמָאל אַיינְטִינְקֶען, אַרָאפּ אַרוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאלְד אַ שְׁוַוארְצֶע פָּנִים!! וָואס אַ חִילוּק, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט, וָואוּ, דָאס קוּקְט אוֹיס גוּט, מַמָּשׁ ווִי אַ שְׁפִּיגְל. גְלַאנְצִיג, גֶעוואוּלְדִיג..

אָקֶעי אִיךְ הָאבּ דָא גֶעבְּרֶענְגְט אַ פוּרְהַאנְג, אִיךְ גֵיי דָא

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



## אַ גְרוֹיסֶע גֶעוִוינְס

בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הַגְרָלָה אוֹיף אַ טִיקֶעט קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סֵדֶר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט דִי תְּפִלָּה ע"ו צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁפֶּעטֶער אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען דִי הַגְרָלָה.

בַּאזוּנְדֶער הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת צוּ קֶענֶען פָּארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַ טָאג פַאר דִי הַגְרָלָה הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אַ שָׁעָה צַייט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט אִיךְ זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טָאג פוּן דִי הַגְרָלָה הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעוִוינֶען.

מֹשֶׁה חַיִּים

מֹשֶׁה חַיִּים עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעוִוינֶען, עֶס זֶענֶען זִיכֶער גֶעוֶוען נָאךְ אַסַאךְ קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן גֶעהָאפְּט צוּ גֶעוִוינֶען דֶעם גּוֹרָל, זֵיי הָאבְּן טַאקֶע נִישְׁט גֶעוִוינֶען דֶעם גּוֹרָל - אָבֶּער דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת לִיגְט אֵוֶועקְגֶעלֵייגְט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וָואס אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיכֶער גֶעוִוינֶען אִיז אַז זֵיי וֵוייסְן פוּן דִי גֶעוואלְדִיגֶע עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת". שְׁטַארְק דִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיינֶע חֲבֵרִים מִיט דִי גֶעוואלְדִיגֶע עֵצָה.

לִייגְן אַ טְשְׁוֶועקֶעלֶע, אִיךְ לֵייג אַרוֹיף דֶעם פּוּרְהַאנְג, אַזוֹי וֶועט זַיין עֶקְסְטֶער מַיין זַייט פוּן דֶעם אַנְדֶערְן דָארְטְן, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי שֵׁיינֶע מָאלֶערַייעֶן. אָקֶעי אַ גוּטֶע נַאכְט פֵיינֶע אַרְבֶּעט גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, גֶעוואלְדִיג.

עֶס אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דֶער קֶענִיג גֵייט זֶען דִי שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט וָואס דִי צְווֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט מֶשֶׁךְ דִי אַלֶע טֶעג. דֶער קֶענִיג קוּמְט אַרַיין, דָאס אִיז טַאקֶע עֶפֶּעס אוֹיסְטֶערְלִישׁ, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע בִּילְדֶער, דִי פֵייגֶעלֶעךְ קוּקְן דָאךְ אוֹיס מֶער אֶמֶת'ער וִוי עֶכְטֶע פֵייגֶעלֶעךְ, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶועגְן אוּן וַואסֶער־פַאלְן אוֹיסְגֶעמָאלְן,

אֵיין מִינוּט, וָואס אִיז דָא דֶער פּוּרְהַאנְג אִינְמִיטְן פַּאלַאץ? עֶס פַּארְטוּנְקְלְט מַיין פַּאלַאץ! וֶוער הָאט דָאס אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען דָא? הֶע?

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ: "אִיךְ וִויל וַוייזְן פַארְן קֶענִיג וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶערְן פּוּרְהַאנְג".

עֶר עֶפְנְט אוֹיף דֶעם פּוּרְהַאנְג, דִי זוּן שַׁיינְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שְׁפִּיגֶל, אוּן וָואס זֶעט מֶען? אַלֶע שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מָאלֶערַייעֶן, וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעמָאלְן אוֹיפְן וַואנְט, הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּיגְלְט אוֹיף דֶעם הֵיימִישְׁן גֶעמַאכְטְן שְׁפִּיגֶל, וַוייל דֶער שְׁוַוארְצֶע פַארְבּ הָאט גֶעשַׁיינְט אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיגֶל..

קֶענִיג: קוּק וִוי שֵׁיין דָאס אִיז, אִיךְ זֶע דָאךְ אוֹיךְ אוֹיף דֶעם צְוֵוייטְן וַואנְט אַלֶע פֵייגֶלֶעךְ, אַלֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְן אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטְן וַואנְט, אַלֶע שֵׁיינֶע מָאלֶערַייעֶן אַלֶעס זֶעט מֶען אוֹיף דֶעם וַואנְט אוֹיךְ.

וָואס נָאךְ קִינְדֶער הָאט מֶען דָארְט גֶעזֶען אוֹיף דֶעם פָּאקִיסְט וַואנְט. הֶע?

אַלֶע מֶעבְּל אוּן שֵׁיינֶע קוּנְצְן שְׁטִיק וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם פַּאלַאץ, הָאט מֶען יֶעצְט גֶעקֶענְט זֶען אִין דֶעם שְׁפִּיגֶל וַואנְט.

קֶענִיג: אִינְטֶערְסַאנְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ גֵיי קוֹיפְן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מַיין פַּאלַאץ, אַלֶעס זֶעט מֶען דָא אוֹיף דֶעם צְוֵוייטְן וַואנְט, עֶס גֶעפֶעלְט מִיר זֵייעֶר דֶעם אַיינְפַאל פוּן דֶעם פָּאקִיסְט.

המשך אויף זייט 4

# לאמיר זיך פארהערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די ניינטע מעשה (1)
## דער חכם מיט'ן תם




**א. וואס איז דער תם געווען?**
- ❑ א נאר.
- ❑ ער פארשטייט נישט א ענין.
- ❑ זיין שכל איז געווען פראסט, אן חכמות.

**ב. דעם חכם מיטן תם האבן זאך ליב געהאט?**
- ❑ ניין.
- ❑ זיי האבן זיך זייער ליב געהאט.
- ❑ זיי האבן זיך ליב געהאט.

**ג. וואס איז געבליבן פונעם גאנצען פארמעגן פון זייערע עלטערן?**
- ❑ נאר זייערע הייזער.
- ❑ נאר זייער פערד און וואגן.
- ❑ זיי זענען געבליבן אן גארנישט.

**ד. פארוואס האט דער חכם נישט געוואלט לערנען שוסטעריי?**
- ❑ ווייל עס איז גאר א שווערע ארבעט.
- ❑ ווייל עס איז א פראסטי מלאכה.
- ❑ ווייל מ'מאכט נישט גענוג פרנסה פון שוסטעריי.

**ה. וואו אהין איז דער חכם געפארן די ערשטע?**
- ❑ צו איטליא.
- ❑ צו שפאניא .
- ❑ צוווארשא.

**ו. פארוואס איז געפעלן פאר דעם חכם, גְוֶועלְבּ (סחורה) משרתים?**
- ❑ ווייל זיי זענען געגאנגען מיט זייערע חן, און עס איז א שיינע זאך.
- ❑ עס איז אין דער היים, אויף איין ארט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. עס איז געווען שווער פארן חכם די ארבעט?**
- ❑ נאכן ארבעטן א פאר שעה איז אים געווארן שווער.
- ❑ ניין.
- ❑ יא.

**ח. אוואו איז געפארן דער חכם נאכדעם?**
- ❑ צו איטליא, און פון דארט צו שפאניא און פון דארט צו לאגורנא.
- ❑ צו שפאניא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו לאגורנא.
- ❑ צו לאגורנא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו שפאניא.

**ט. וועלכע מלאכה האט דער חכם געלערנט אין אנהויב ?**
- ❑ שטיין שניידער.
- ❑ דאקטערייא.
- ❑ גאלד ארבעט.

**י. אין וויפל צייט האט דער חכם געלערנט די מלאכה?**
- ❑ אין א האלבע יאר.
- ❑ אין איין יאר.
- ❑ אין א פערטל יאר.

**יא. וואס איז געווארן מיטן חכם, נאך וואס ער איז געווארן א דוקטור און א פילוסוף ?**
- ❑ מכבד געווען פאר ווער עס איז א חכם ווי אים.
- ❑ די וועלט האט אים אנגעהויבן ווערן ווי גאר נישט.
- ❑ ער האט געוואלט לערנען נאך א מלאכה.

**יב. דער חכם האט זיך אום געקערט אהיים כדי צו חתונה האבן, פארוואס?**
- ❑ ווייל ביי זיין שטאט וועט ער טרעפן א ווייב א יראת שמים.
- ❑ וויל ער האט נישט געטראפן זיין פאסיגע כלה ביי זיין פלאץ.
- ❑ כדי מען זאל זעהן וואס איז פון אים איז געווארן.

**יג. פארוואס איז געווען די פרנסה פון דער תם מיט גרויס דוחק און זייער בצמצום?**
- ❑ ווייל ער האט זיך געפוילט ביי זיין ארבעט.
- ❑ ווייל ער האט נישט געקענט די מלאכה אזוי ווי מען דארף.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואספארא שטייגער האט דעם תם געהאט?**
- ❑ ער איז געווען בעצבות.
- ❑ ער איז אמאל פרייליך געווען.
- ❑ ער איז געווען תמיד פרייליך.

**טו. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב ווען ער האט איר געבעטן פלייש און זי האט אים געגעבן ברויט?**
- ❑ ער האט געהאט טענות אויף איר פארוואס ברענגט זי אים ברויט.
- ❑ ער האט געשוויגן און מקבל געווען יסורים באהבה.
- ❑ ער האט זייער באלויבט דאס גירעכט (מאכל), וואס פארא גוטקייט עס איז.

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה ביז דערווייל ?**
- ❑ אז עס איז כדאי צו זיין א חכם .
- ❑ אז עס איז כדאי צו זיין א תם.
- ❑ ________________________________________.

המשך פון זייט 1

הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אַנְטְקֶעגְן אִים שְׁטֵייט אַ גוֹי, דָאס הָאט דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶּונֶען וֶוען אַ גוֹי שְׁטֵייט אִים קֶעגְן זַיין פָּנִים, וְוִיפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת אִיז עֶס נָאר עֶרְגֶער גֶעוָוארְן! בִּיז אַ חָכָם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, עֶס זָאל אִים בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דֶער גוֹי אִיז דָארְט, "דַאוֶּונען וַוייטֶער, לָאז דֶעם גוֹי שְׁטֵיין דָארְטְן אוּן טוּ וַוייטֶער דַיינְס" אַזוֹי וֶועט דֶער דִמְיוֹן פוּנֶעם גוֹי אַוֶּועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס; אַז דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן אוּן מְטַהֵר זַיין אוּן גֵיין צוּ אַ חָכָם וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ רִיכְטִיגֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, מִיט דִי כּוֹחַ פוּן דִי צַדִיקֵי אֱמֶת וָואס מִיר גְלֵייבְּן אִין זֵיי. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער גֶעבֶּעט "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻלָּנוּ יַחַד בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ, אָמֵן

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-518-1095**

**1-518-329-9149**

המשך פון זייט 3

**דֶער מָשָׁל** קֶען מֶען אֶפְשָׁר אוֹיסְטַייטְשְׁן. אַז סוֹף יָאר וֶוען עֶס קוּמְט דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער חֹדֶשׁ פוּנֶעם יָאר, וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז דִי יָאר אִיז אַרִיבֶּער, אוּן אַסַאךְ וָואכְן אוּן טֶעג זֶענֶען אַרִיבֶּער לֵיידִיג, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם קֶענִיגְ'ס בַּאפֶעל, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר מֶען זָאל זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם צַדִיק וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "חַמָּה – דִי זוּן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ לְבָנָה אַ שְׁפִּיגְל, דָאס מֵיינְט עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן קְלֵיין אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, וֶועט אִין אִים קֶענֶען אַרַיינְשַׁיינֶען אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק, עֶר זָאל נֶעמֶען דֶעם פָּאקִיסְט, דִי פָּשׁוּטֶ'ע עֵצוֹת וִוי לְמָשָׁל דִי עֵצוֹת פוּן אֲמִירוֹת, סְפֶּעצִיעֶל חֹדֶשׁ אֱלוּל זָאגְן תְּהִלִּים אָדֶער לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער דֶעם רֶבִּי'נְס קְלֵיינֶע סְפָרִים, אַזוֹי אַז וֶוען דֶער מֶלֶךְ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר זֵייעֶר נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דֶעם שְׁפִּיגְל וַואנְט, פוּן דִי פָּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדוֹת, אַלֶעס בְּכֹחַ דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק.